1926 ... incomplet
493436
Imprimat legal
BINEVESTITORUL
XXI/a
CENZURAT.

# המבשר טוב

אין מאנאטס-בלאטט וועגען עניני האמונה און מאראל.

„מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום, מבשר טוב ומשמיע ישועה...

(ישעיה נ"ב, 7).

ולכו אל-כל-העולם וקראו את הבשורה לכל-הבריאה...

(ברית הדשה: מרק ט"ז 15).

ווי ליבליך זענען אויף די בערג די פוס פון די מבשרים, וואס גיבן צו הערן וועגן שלום, פרעדיגן גיטס גיבן צו הערן די ישועה...“

(ישעיה נ"ב 7).

„געהט אין דער גאנצער וועלט און זאגט די בשורה אללע קרע־אטור...“

(ברית החדשה: מרק ט"ז 16).

No. 1—2. 1926. קישינעוו.

BCU Cluj / Central University Library Cluj
Bibl. Univ. Cluj. Nr. 443 1929

## א ווארט וועגן הארצען.

„עקוב הלב מכל ועגוש הוא, מי ידעגו“ (ירמיה י"ז).

לאסט אמאל ערנסט וועגן אייער הארץ רעדן. די מענשען באהאלטען זעהר דאס הארץ. זעלטן ווער ס'טוהט עפיס פון דעם הארצען. א גרויסער טייל מענשען סענען גאר ניט די הארצען'ס שטימע. דאס אלטעגליכע לעבען פארשלינגט זיי אין גאנצען. מ'קען וועגען זיי זאגען מיט די ווערטער „ומותר האדם מן הבהמה אין“. ס'איז אזא מין בהמה'ש לעבען: „זאלען מיר עסן און טרינ־קען ווייל מארגען וועל'ן מיר שטארבן“. די מא־דערנע מענשען און די יוגענד, מעהרערע טייל, א הויך עס'ן און טרינקען בענוצען נאך פארשידענע מיטעל צו באטויבען דאס הארצען. עפיס ליינט־מען, מ'שפאצירט אויף די גאסען, אדער מ'לויפט אין טעאטר, אדער אין איליאזיאן און דעסגל. אזעלכע זאכען טוט שוין די בהמה ניט. זיי ווילן זיין אויף א עכרער מדרגה ווי די בהמה און אלטען זיך אויך עכיר פון דעם המון העם. זיי רעדען פון צופרידן שטעלען די עסטעטישע גע־פילן און פון אויסבילדונג. אבער לאסט אייער הארץ ערנסט קאנטראלירן וועט איר זעהן און פילן, אז די עסטעטישע געפילן ווערן ניט צו־פרידן מיט דיזע אללע זאכן, וואס מ'טוט. דאס בילד פון יעצטיגער מענשהייט ווייזט ווי די ביל־דונגס-מיטעל האבן נעהאלפען. מ'האט נאר מורא דעם אמת זיך זעלבסט מודה צו זיין און, נאך מעהר, אנדערע צו זאגן, ווארן מ'וועט זאגן אויף אזעלכן, וואס רעדט און דענקט א סך וועגן הארץ און נשמה זאכן, אז ער איז פאנאטיש און אונ־טערבליבן, אז ער פארשטייט ניט די קולטור און פראגרעססירט ניט.

ס'איז אויך דא א גרויסע טייל פון רעליגיאזע מענשען, וואס דענקען מיט אויסערליכע רעליגיא־זע פארמען צו באטויבען זייער הארץ. מ'דאווענט און מ'קען ניט דעם גאט, צו וועמן מ'זאגט די תפלות. א סך פון זיי ווייסען גאר ניט אויב גאט הערט זיי און צו דארף זיי גאט ענטפערן אויף

די תפלות. צום ביישפיל אין די ימים נוראים טעג, וואס טוהט זיך אין דיזע טעג? אפילו דער פריידענקער געהט אויך אין שול אריין יוצא-זיין, אז אנדערע זאלן אויף אים ניט אנוואזן מיט די פינגער. קיינער וועסט ניט און דענקט ניט אויב גאט וויל דאס אלעס, אויב דאס איז דער וועג צו גאט. די „עדלע" יודען, וואס זענען באקאנט מיט דעם תלמוד, וועסן אז דארט איז געשריבן: „פון דעם טאג וואס דאס ב"המק איז חרב געווארן איז א אייזערנע וואנד צווישן ישראל און זייער אוימלישן פאטער"... „מיום שחרב ב"המק נפסק חומת ברזל בין ישראל לאביהם שבשמים שנא' ואתה קח לך מחבת ברזל ונתת אותה קיר ברזל בינך ובין העיר' (ברכות ל"ג, ב'). *) און אין ישעיה נ"ט שטעהט דייטליך געשריבן וואס גאט זאגט צום אידישן פאלק: „אייערע זינד האבן אייך אפגעטיילט פון אייער גאט און די חטאים פארבארגן (גאטס) פנים פון צו הערן (התפלות)".— כי עם עונתיכם היו מבדילים בינכם לבין אלהיכם וחטאתיכם הסתירו פנים מכם משמוע". בכל זאת שרייען זיי מיט קול קולות צוזאמען מיט די אנגעלערנטע „שמע קולנו"... מיטן מאל זאגט מען אין די תפלות פון יום-כפור „דער מ ש י ח, אונזערע גערעכטיגקייט, האט זיך פון אונז אוועקגעקערט, מיר דערשרעקן און ס'איז קיינער ניט דא, ווער זאל אונז גערעכטמאכן... פנה מנו מ ש י ח צדקנו, פלצנו ואין מי לצדקנו"...

BCU Cluj / Central University Library Cluj

דאס הארץ ווערט ניט בעסר פון דעם אלמ'ן.

פאר וואס קומט דאס אללעס פאר אזא לאנגע צייט, פין יאהר צו יאהר? דעם ענטפער געפינען מיר אין ישעיה כ"ט: „דאס פאלק דערנעווינט זיך צו מיר מיט דעם מויל און מיט די ליפפען עהרן זיי מיך, אבער זיין הארץ איז ווייט פון מיר". האט איר ווידער אבעוויז ווי מיט ראליגיאן מאסקירט מען דאס ה א ר ץ.

א, ווען איר זאלט זעהן אין וועלכן צושטאנד אייער הארץ, דער אדם דפנימי, איז וואלט איר נישט באנוצט די מאדערנע מיטעל אבער אויסערליכע רעליגיאן, וועלכע זענען ניט אימשטאנד צו פארבעסערן דאס מענטשליכע הארץ. אינטער אלע שיינע פראזן וועגען קולטור און פון אויסערליכע מנהגים געפינט זיך דאס פארקרומטע מענשליכע הארץ, פון וועלכן ס'איז געזאגט „עקוב הלב' און דאס הארץ, ווי די לאווע פון א פייער־בארג, ברייננט ארויס פון זעך „שלעכטע מחשבות, נאוף זנות (אנמאראל) רציחה, גנבה, געלדליכע, בעזעס, שווינדל, פרעסעריי, עין־הרע, לעסטערונג, גדלות, נארישקייט..." (כרית הדשה: מרק. ז').

איר אלע, וואס לענען דיזע שורות, ערלויבט אייך צו וואזן דאס מיטל, וואס האט אונז געהאלפן ארויס געהן פון דעם טומעלשן לאבירינט, אין וועלכן מיר זענען געוועהן ווי איר אלע. הערט זיך נאר ערנסט צו צו דער שטימע פון ישוע הנצרי, וועלכער זאגט: „א י ך בין דער וועג... — „אנכי הדרך"; „קומט צו מ י ר אללע וואס זענען מיד און וואס האבן שוועריגקייטען אין א י ך וועל אייך גיבן רוהע..."—„פנו אלי כל־העמלים והטעונים ואני אניח לכם" (ברית החדשה: יוחנן, יד'; מתי, יא).

ביי דעם משיה ישוע קען יעדער מענש געפינען דעם אמת'ן טעם פון עביגעם לעבן. ער בעלייכטעט דעם ציעל פון מענשענ'ס לעבען און גיבט דאס גליק, וואס מיר דארפן. יעדער מאדערנע מענש קען פאר זיין הארצן בא דעם „שיינסטען פון די מענשען־קינדער" „יפיפית מבני אדם' געפינען אמת'דיגע בעפרידיגונג פאר זיינע עסטעטישע געפילן. די עדלע און אויבע אידעאלן פון ישוע הנצרי קענען אויסבילדן אונזער כאראקטער און בעגייסטערן מיט א עכערן לעבן. אויך א רעליגיאזע מענש, ווער ס'וויל מיט דעם גאנצן הארצן גלויבן, קען אין ישוע הנצרי געפינען דעם, פון וועלכן אונזערע נביאים האבן געזאגט, דעם משיה בן דוד, וועלכער איז א מפגיע צווישן אונז און גאט. מיט זיין שטארבן, אלס א קרבן פאר אונזערע זינד, האט ער אוועק גענעמן די שיידע־וואנד צווישן אונז און גאט און ווי ס'איז געשריבן אין ישעיה נ"ג: „מיט זיינע ווינדען קענען מיר געהיילט ווערן" „ובחברתו נרפא לנו."

מיט זיין אויפשטעהן פון די טויטע מאכט ער אונז רעכטפארטיג פאר גאט, „בדעתו יצדיק צדיק עבדי לרבים... ולפשעים יפגיע" (ישעיה נג). ער

*) אליין זאגן זיי אין נ ע י ל ה אז זיי האבן גיט אווי פיל קרבנות צו ברענגען ווי פיל מאל מ'זינדיגט; „אין קץ לאשי חובותינו ואין מספר לניחוחי אשמותינו".

שאפט אין יעדען מאמין א לב חדש ורוח חדשה. און מיט דעם נייעם הארץ קענען מיר זיך פילן גליקליך און ברענגן א ברכה צו אלע מיטמענשן מקיים זיין „ואהבת לרעך כמוך".

מעג גאט בענשען יעדען פון אייך, אז איר זאלט הערען גאט'ס שטימע וואס זאגט: „זין, גיב מיר דיין הארץ!" „תנה בני לבך לי".

ווען איר וועט מתודה זיין אייערע זינד און אים גיבן אייער שלעכט הארץ וועט ער אייך גיבן דיזע שיינע מתנה א לב חדש, איר וועט ווערן א בריאה חדשה. ס'וועט ביי אייך מקוים ווערן גאטס ווארט: ירמיה כד' 7.

ל. א.

ל. אווערבאך. — **זונען-שיין.** — שיר.

1. בענטשען וויל גאטט אללע מענשען מיט זיין פריד,
וויל די בשורה טובה שיקען אויך דעם איד,
ברייטער עפען אויף די פענסטער און די טיהר,
לאז די זון אריין צו דיר.

משוררים:
לאז אריין דעם זונען-שיין,
לאז אריין דעם זונען-שיין,
ברייטער עפען אויף די פענסטער און די טיהר,
לאז די זון אריין צו דיר.

2. שמש-צדקה איז ישוע, אונזער הערר,
האט פאר אונז געליטען אויף גלגלת שווער,
ברייטער עפען אויף די פענסטער און די טיהר,
לאז די זון אריין צו דיר.

3. ווער נאר בלאנזעט אין דער מדבר אין דער נאכט
קען ישוע אים עררעטען מיט זיין מאכט,
ברייטער עפען אויף די פענסטער און די טיהר,
לאז די זון אריין צו דיר.

4. דער איז גליקליך, ווער בעקערט זיך, ווערט גאטס קינד,
דורך די שטראלען פון משיח ריין פון זינד,
ברייטער עפען אויף די פענסטער און די טיהר,
לאז די זון אריין צו דיר.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

# דער פאטער שלאפט.

דער פאטער איז מיט זיינע קליינע טאכטער שפאצירן געגאנגען. צווישן די פעלזן האבן זיי ביידע געזאמעלט וואלדבלומען. נאך א קורצע צייט זענען זיי ארויפגעקומען אויף א גרינעם שפיץ פון א פעלזן־אבהאנג. דער פאטער איז געווארן מיד און האט זיך געלעגט א ביסל אויסצירוהען, אבער דאס קליינע מיידעלע האט ווייטער בלומען געזוכט.

אונטען, ווי דער פעלז איז געוועהן א ביסעל הערפארגעטרעטען, האט דאס מיידעלע דערזעהן א פאר שיינע בלומעלעך. ס'האט זיך אנגעבויגן און די הענד אויסגעשטרעקט די בלומעלעך צו אפצורייסן, אבער ס'האט ניט געקענט דערלאנגען. נאך אמאל האט זי זיך א ביסל מערער געבויגען, אבער ס'איז געוועזן צו ווייט. מיט א שרעקליכעם שריי איז די קליינע פון דעם אבהאנג אראפגעפאלן אין דעם אפגרונד צווישן פעלזן. פון דעם מיידילעם שרעקליכן שריי איז דער פאטער דערוואכט און זעהר ניך אויפגעשפרונגען זיינעם קינד צו העלפען, דאך ס'איז געווען צו שפעט. דעם צושמעטערטן, צובליטיגטן גוף פון דעם קינד האט מען אונטן, צווישן די פעלזן געפונען. מיט א פארווינדיגט הארץ האט דער פאטער זיין טויטעם קינד א היים געבראכט און האט זיך אליין בעשולדיגט פאר וואס ער איז געוועזן אזוי אונאויפמערקזאם צו זיינעם קינד, אז דאס איז געוועזן די סיבה פון דעם שרעקליכען טויט פון זיין קונד.

קומט ניט אזוי פאר אין א סך פאמיליעס, ווי די פאטער, מיטער שלאפן זעלבסט אין דער זינד, טהון און רעדען בייז. זיי באמערקן ניט ווי די קינדער נוצן אוים די צייט, ווי זיי זענען גענייגט צו די וועלטליכע בלומען פון פארגניגן און אנדערע זאכן, וואס ציען די קינדער, וועלכע זענען ניט פראקטיש און לעבן און זעהן ניט די סכנה, וואס ס'איז אויף יעדן שריט אין טריט. האפט מאל כאפן זיך די עלטערן אויף, ווען ס'איז שוין צו שפעט, ווען זעהרע קינדער זענען שוין אונגליקליך געווארן.

דארום איר, עלטערן, וואכט אויף פון זינדיגן שלאף באקערט אייך צו גאט פון גאנצען הארצן דורך דער אפענער טיר, דעם משיה. דערנצמאלט וועט איר האבן קראפט צו וואכן און אייערע קינדער צו בעוואכן, „כי אם תגדלום במוסר אדנינו ובתוכחתו״ — „זיי ערציהון אין דער ציכט און אין דער לערע פון אונזער האר״.

(ברית החדשה ; אפסיים ו׳)

**ל. א.**

---

# דאס עבינע פראבלעם

## פון ח. י. איינשפראך

(פארטזעצונג)

### V.

וואס פאר א פארטשריט! דאס וואס סע איז געוועזן א קללה, איז גאר א ברכה. פאוואלי שלעפן זיך די עפאכן אין אונזער געשיכטע. אבער מיר האבן גענוג אורזאך מיט וואס זיך צו טרייסטן. מיר זענען איבערצייגט, אז ישראל וועט סוף כל סוף איינזעהן אז ישוע הנצרי איז דער „מעכטיגער גיבראלטער״, אקעגן וועמן די כוואליעס קענען גארניט אויפטאן. און וואס מעהר זיי וואָרפן זיך אויף דעם פעלז, אלץ שעהנר און מעכטיגער טוט ער אויסזעהן. כאטשי ישראל׳ס מאטיוו איז מאנכעס מאל געוועזן א שעדליכער (מיט דעם וואס ער האט געזוכט ישוע צו פארמיאוסן אין די אויגן פון דער וועלט), האט ער דאך גארניט בעצוועקט אהויץ שאדן פאר זיך אליין. און נאך מעהר, בעת ישראל איז געוועזן פארנומען מיט פערשידענע פלאנען, ווי אזוי צו שאדן דעם „צור ישראל״ האט ער ניט בעמערקט אז דער „אבן מאסו הבונים, דער שטיין, וועלכן די בויערס האבן פעראכטעט, היתה לראש פנה, איז געווארן דער ווינקל־שטיין״. דאס איז א פאקט מיט וועלכן מען מוז זיך רעכענען. אום זיך צו איבערציינגן אויף ווי ווייט דאס איז אמת, דארף מען ניט מעהר, ווי דורכצובלעטערן עטליכע קאפיטלך פון C. L. Brace's Gesta Christi or A. History of Human Progress און נאכצופאלגן דעם געדאנקן-גאנג אין דער קונסט, וויסענ־

BCU Cluj / Central University Library Cluj

שאפט און ליטעראטור, קען מען באלד זיך איי־
בערצייגן, אז דאס נאבעלע, עטהישע און שיינע,
האט זיין מקור אין ישוע הנצרי. פון דארטן
פליעסט ער ארויס, אמעטום שאפט עס נייעס
לעבן, מוטה און האפנונג...

ס'ווערט דערצעהלט פון קיסר יוליאן (361
נ. ק.), אז נאכדעם ווי ער האט געהאט אנגע־
ווענדט אלע זיינע כחות, כדי אויסצוראטן די
אמונה פון ישוע, האט ער אויף זיין טויטן בעט
אויסגעשריגן די ווערטער „די, גאלילעער, האסט
מנצח געווען"! דער וואס איז בעקאנט מיט דער
געשיכטע פון קיסר יוליאן, קען זעהן אין איהר
דעם טראגישן סוף פון א מענשן, וואס האט מלחמה
געהאלטן ניט מיט א פראסטן בשר־ודם, נייערט
מיט אים, אין וועמנס רשות ס'איז איבערגעגעבן
געווארן דאס גליק פון אלע מענשן, אין אלע דורות.
לאמיר זיך ניט נארן. ישוע איז טאקי דער זיגער.
ער האט זיין פאהן אריינגעטראגן אינ'ם שונא'ס
לאגער, און ער וועהעט...

ווען דער גרויסער געלעהרטער מר. טשארלס
דארווין האט ארומגערייזט אין די ווייטע אפ־
ריקאנישע אינזלען און איז געקומען אין בעריהרונג
מיט די פערשידענע עקס־ווילדע שבטים, און זעה־
ענדיג די ענדערונג אין זייער לעבן און מנהגים,
האט ער געמוזט מודה זיין, אז קיין שום אנדערע
קראפט, וואלט אומשטאנד געווען אזוי צו ענדערן
דאס לעבען פון ווילדע קאניבאלן ווי דאס האט
געטאן ישוע המשיח. א סך געבילדעטע אידן, ווי
מיר האבן שוין בעוויזן, בעטראכטן ישוע פאר א
זעהר גרויסן מענשן. זיי געבן צו אז ער האט
געדארפט פארנעמען א מעהר בכבוד'יגן ארט אין
אונזער געשיכטע ווי ער פארנעמט. א טייל ווילן
איהם דערהויבן, אמווייניגסטן צו דער מדרגה פון
א נביא, גלייך אין דערזעלבער רייהע פון א ישעיה׳
ירמיה, יחזקאל א. ז. וו. אנדערע געהן נאך ווייטער:
זיי זאגן, אז ער איז דער „אב הנביאים" און ווען
מיר בעטראכטן דאס געיעג פון דעם איינעם און
דעם אנדערן צד, דעמולט זעהן מיר, אז די צייט
איז שוין ניט ווייט, ווען אידן פון אלע שיכטן
וועלן אין די ווערטער פון דעם רוימישן הויפטמאן
מודה זיין „אכן זה ישוע היה בן אלהים" „מיט
רעכט דער ישוע איז גאט'ס זוהן" (מתי כז, 54).

פארטזעצונג קומט.

# פערלוירענער זיהן.

א פאטער האט געהאט צוויי זיהן,
דער יונגסטער זאגט צום פאטער זיין:
גיב, טאטע, די ירושה מיין
איך וויל פון דאנעט ציהן.
דעם פאטער מאכט דאס גרויסען שמערץ.
דאס הערץ פון זיהן איז הארט ווי שטיין
ער געהט אוועק פון פאטער זיין,
פון זיין באטריבטעס הערץ.
אזוי איז ער געגאנגען ווייט,
ער האט געהאט חברים פיל,
ביים זיסען וויין און קארטענשפיל
פארבראכט האט ער זיין צייט.
דאך האט די שמחה באלד א ענד,
חברים, געלד און זיסער וויין.
דאס האט געבראכט נאר ביטערן פיין,
געבונדען פיס און הענד.
וואס קען ער טוהן דער ארמער זיהן?
ער ארבעט פאר א קליינעם שכר,
פון הונגער איז זיין גוף גאנץ דאר.
א, דער פארלוירענער זיהן!
חזרים גיבען אים זיין שפייז,
נאך קען עס אים ניט מאכען זאט,
קיין ענציג רוהיג ארט ער האט,
די מדבר־זון ברענט הייס.
א, יעצט כאפט ער זיך אן ביים קאפ:
אוי, וואס האב איך געטוהן!?
איך בין געוועזן דעם פאטערס זיהן
און יעצט נאר פיין איך האב.
איך וויל צוריק צום פאטער געהן,
קען מעהר ניט זאן זיין זיהן,
די שווערסטע ארבעט וויל איך טוהן
זיין פנים נאר צו זעהן.
געזאגט, געטוהן, גיך שטעהט ער אויף,
ער געהט א היים מיט פעסטעם שריט
צום פאטער האט ער נאר די ביט:
„מיין פאטער, נעם מיך אויף!"
דער גוטער פאטער שטעהט און ווארט
זיין בליק האט ער געווענדט אהין,
ווי ער צום לעצט געזעהן זיין זיהן
ער ווארט געדולדיג, ווארט.

וואס האט זיין שחאכעס אויג דערבליקט?
מיין זיהן, דארט קומט מיין זיהן,
איך זעה פון וייט אהיים אים ציהן,
גאט האט אים מיר געשיקט!
ער לויפט מיט זיינע אלטע פיס
די פאטער־הענד וייט אויסגעשפרייט,
ער האט דערלעבט די גרויסע פרייד
די שעה איז אים צו זיס.
מיט זיין פנים ביז צו ערד
געפאלען איז דאס שלעכטע קינד:
פארגיב, א, פאטער, מיינע זינד
כאטש איך בין דאס ניט ווערט.
און שוין איז ער אין פאטערס שויס,
פארגיבען, אויסגעמעקט,
די שווערע זינדען צוגעדעקט,
דעם פאטערס ליב איז גרויס!
ער האט געדריקט אים צו זיין הערץ
און האט אים ליבעפאל געקישט,
אים אלע טרערין אבגעווישט
צו פרייד געמאכט זיין שמערץ. —

* * *

מיין ליבער איד! די ביזט דער זיהן
פון גאט דיין פאטער ביזטו וייט,
פארלוירען אזא לאנגע צייט,
צוריק צו אים מוזט ציהן;
זיינע ארמע האט ער אויסגעשפרייט,
פול ליב ער װארט די גאנצע צייט,
ער האט פאר דיר שוין צוגעגרייט
א סעודה, שלום, פרייד.
פארשטאק דיין הערץ ניט, קום שוין היינט,
פארלוירענעס, ארמעס קינד,
ער האט פארגיבען שוין דיין זינד
א קום, קום, ליבער פריינד.

מרים אוערבאך.

---

# ישראל'ס אויפגאבע.

(פון ד״ר מ. גרען).

BCU Cluj / Central University Library Cluj

עס איז אין אלגעמיין אנגענומענע טהאטזאכע. און מיר דארפן דא דאפיר קיינע בעווייזע ברינגן, אז די אידישע ראסע האט פערזארגט די ציוויליזירטע וועלט מיט רעליגיאן און מאראל, גראדע ווי די גריכישע ראסע האט אויסגעארבייט פאר דער וועלט איהר קונסט און פילאזאפיע. עס ווערט אבער דייטליך גענוג ניט פערשטאנען, אז דאס פאלק ישראל האט געהאט א בעשטימטע אויפגאבע און מיסיאן צו ערפילן, און אז דיזע אויפגאבע, אדר שליהות, איז בעשטאנען הויפטזעכליך אין פערשפרייטן אויף דער ערד די וויסענשאפט פון וואהרן גאט און זיין װארט.

ישראל'ס אויפגאבע און בעשטימונג פערנעהמן א זעהר בעדייטענדען פלאץ אין די שריפטן פון אלטן בונד (תנ״ך), און דאך, טראטץ דעם וואס די אידן זיינען אזוי גוט בעקאנט מיט דיזע שריפטן, האבן זיי נאך ביז היינטיגן טאג ניט אנגעהויבן צו בעגרייפן דעם ריכטיגן זין, די ריכטיגע בעדייטונג פון זייער אייגענע עקזיסטענץ.

צוויי טויזענד יאהר לאנג האט איין דור נאכ'ן אנדערן פערבראכט זייער גאנצן לעבן אין שטודירן דעם תנ״ך, אהנע אויסצוגעפינען דעם הויפט־צוועק פון דיזער געטליכער ליטעראטור. זיי לערנען די תורה, אבר די אויגן בלייבן בא זיי פערהאנגן ווי מיט א שלייער, און איהר ריכטיגע בעדייטונג וועלכע איז אזוי קלאר און דייטליך צו די, וועמעס אויגן עס זיינען אויפגעעפענט געווארן אינ'ם משיח, בלייבט פון זיי בעהאלטן[1]). זיי לעזן די

1) ,,כמשה אשר נתן מסוה על פניו, ובני ישראל לא יכלו להתבונן אל תכלית תורתו... ועד היום הזה כאשר יקראון דברי הברית הישנה, עוד המסוה ההוא לנגד עיניהם. כי לא יסור בלתי המשיח. הם יהגון בתורת משה והמסוה על לבם עד היום הזה. אך כאשר ישוב ישראל אל האדון אז המסוה יוסר'' — ,,ווי משה וועלכער האט פערהאגנען זיין געזיכט מיט א שלייער, און די קינדער ישראל האבן ניט געקענט דערגרייכן צום תכלית (צום ריכטיגן צוועק און ציעל) פון זיין תורה... און ביז אויף היינטיגן טאג, ווען זיי לעזן די ווערטער פונ'ם אלטן בונד, זיינען זייערע אויגן פערשטעלט ווי מיט א שלייער, וועלכער ווערט בלויז ארונטער גענומען אינ'ם משיח. זיי לערנען משה'ס תורה, אבר דאס הארץ בלייבט בא זיי פערהאגגן מיט א שלייער ביז אויף היינטיגן טאג. בלויז ווען ישראל וועט זיך אומקעהרן צום הערן, דאן וועט דער שלייער ארונטער גענומן ווערן''.
(ברית החדשה: ב' קורנת ג').

הבטחות און די נבואות איבערן משיח, אבער זיי פערפעהלן צו זעהן, אז די פאלשטענדיגע ערפילונג פון דיזע הבטחות און נבואות איז אבהענגיג פון געוויסע בעדינגונגען, פון געוויסע תנאים, וועלכע דארפן דורכגעפיהרט ווערן פון זיי זעלבסט.

אום אויסצוגעפינען דעם ריכטיגן זין, די ריכטיגע בעדייטונג, פון דעם אידען'ס אויפגאבע, מוזן מיר אריינבליקן אין די אלטע שריפטן פון זיין פערגאנגענהייט.

מיר ווערן פערטראגן זייט צוריק אינ'ם גראַוגרויען אלטערטהום און דאס אוראלטע לאנד פון די כשדים וואו מיר בעגעגענען דעם עלטערפאטער פון אונזער ראסע, דעם פאטריארך אברהם. ער איז דער ערשטער צו ווען עס קומט דער אויפרוף צו פערלאזן זיין געבורט־לאנד און זיין פאטערס־הויז („לך־לך מארצך וממולדתך ומבית אביך", בראשית י"ב, א), און געהן אין לאנד כנען: („ללכת ארצה כנען", י"א: ל"א), דאס לאנד, וואס וועט בעלאנגן צו איהם און צו זיינע קינדער אויף תמיד („לך אתננה ולזרעך עד עולם", י"ג: ט"ו).

„און איך וועל פון דיר מאכן א גרויס פאלק", ווערט עס איהם פערשפראכן, „און וועל דיך בענשען און אין דיר וועלן אלע משפחות פון דער וועלט געבענשט ווערן" („ואעשך לגוי גדול ואברכך ונברכו בך כל משפחת האדמה", י"ב: ב—ג). און אלע פעלקער פון דער ערד וועלן געבענשט ווערן אין דיין זאמן, אין דיין ראסע' („והתברכו בזרעך כל גויי הארץ", כ"ב: י"ח), ווערט עס איהם ווידער פערשפראכן, א פערשפרעכען וועלכער איז נאך א מאל צו זיין זיהן יצחק (כ"ו: ד) און צו זיין עניקל יעקב (כ"ח: יד).

פון די אבות, פון אברהם, יצחק און יעקב, האט אלזא געדארפט ארויסקומען א פאלק, א נאציאן, וועמעס אויפגאבע און בעשטימונג עס האט געזאלט זיין, צו זיין א ברכה, א זעגן, צו אלע אנדערע פעלקער פון דער ערד.

ווען די ניט לאנג בעפרייטע קינדער ישראל זיינען געשטאנען אונטערן בארג סיני, ווארטענדיג אויף זייער געטליכע קאנסטיטוציאן, די עשרת הדברות, האט די געטליכע שטימע פראקלאמירט צו זיי:

„אם שמוע תשמעו בקולי ושמרתם את בריתי, והייתם לי סגלה מכל העמים; כי לי כל הארץ" (שמות י"ט: ה). — „אויב איר וועט צוהערן מיין שטימע, און וועט היטן מיין בונד, דאן וועט איר זיין מיין עם סגולה פון אלע פעלקער; ווייל די גאנצע ערד איז מיינע".

„ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש" (י"ט: ו). — „און איר זאלט צו מיר זיין א מלוכה פון כהנים, און א הייליג פאלק".

מען דארף ניט פערגעסן, אז די גאנצע ערד איז גאט'ס, די וועלט און איהרע איינוואהנער זיינען זיינע („לה' הארץ ומלואה, תבל ויושביה בה", תהלים כ"ד: א). ער איז גוט צו אלעמען, און זיינע רחמים זיינען איבער אלע זיינע ווערקע („טוב ה' לכל ורחמיו על כל מעשיו", קמה: ט). אויב ער האט אויסגעצייכענט א געוויס פאלק אלס זיין עם סגולה", איז עס געווען מיט דער בעדינגונג, אז זיי זאלן צוהערן זיין שטימע און היטן זיין בונד. און עס איז אויך ניט געוועזן פון זייערטוועגן אליין, דאס זיי זיינען אויסגעוועהלט געווארן פון אלע אנדערע פעלקער, זאנדערן צוליעב דעם, אז זיי, אלס א „ממלכת כהנים וגוי קדוש", אלס א מלוכה פון כהנים און א הייליג פאלק, זאלן מיט דער צייט ווערן די כהנים, די גייסטליכע, די רעליגיאנס־לעהרער און מאראל־פרעדיגער פון דער גאנצער וועלט.

אום צו קענען זיין א לעהרער פון אנדערע, מוז מען צוערשט אליין לערנען. און אזוי זעהן מיר, ווי עס הייבט זיך אן די לאנגזאמע ארבייט צו פארבערייטן דיזן פאלק פאר זיין הויכע שטעלע און אויפגאבע. די מעטהאדע פון זייער פארבערייטונג שיינט צו זיין א גאנץ לאנגזאמע; עס איז אבער די איינציגע נאטירליכע מעטהאדע, און עס דארף אונז אלזא ניט וואונדערן וואס דער גאט פון דער נאטור געברויכט דיזע מעטהאדע.

ישראל'ס לאגר ווערט פערוואנדעלט אין א גרויסע טהעאלאגישע שולע, אין וועלכער דאס גאנצע פאלק ווערן אריינגענומן אלס שילער.

צוזאמען מיט די גרויסע לעקציאנען, אין וועלכע זיי ווערן אונטעררכטעט, ווי ליבע צו גאט און ליבע צום נעכסטען (הבר), משפט, צדקה און חסד, בעקומען זיי. פערשידענע דינים און מצוות, וועלכע זיינען בעשטימט בלויז אויף א געוויסער צייט

BCU Cluj / Central University Library Cluj

(מצוות שהזמן גרמא), אדר וועלכע זיינען אבי־ הענגיג אן א געוויסן ארט (מצוות התלויות בארץ), דינים און מצוות וועלכע זיינען בלויז געוועזן נויטווענדיג אין דער צייט ווען דאס פאלק איז אונטעררירכטעט און פארבערייטעט געוואָרן אין דער שולע פון דער תורה. נעבן אזעלכע מצוות, צום באשפיעל, ווי „ואהבת את ה' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך" (דברים ו': ה) — „דו זאלסט ליבן ה' דיין גאט מיט'ן גאנצן הארצן, מיט דער גאנצער נשמה, און מיט'ן גאנצן קראפט", און „ואהמתָ לרעך כמוך" (ויקרא י"ט: י"ח). — „דו זאלסט ליבן דיין נעכסטען ווי זיך זעלבסט", זיינען פארנעשריבן געוואָרן פערשיעדענע געזעצע און אינסטיטוציאנען וועלכע זיינען נויטהיג פאר'ן וואהלזיין און איינגעארדענטען לעבן פון א געזעל־שאפט. אזוי צום באשפיעל, זיינען די געזעצע וועגן אבהיטן געוויסע טעג אלס ימים טובים, אלס רוהע־טעג; די פערשיעדענע ציווילע געזעצע (שמות כ"א, כ"ב, כ"ג); די צערעמאניעלע געזעצע פון א משכן אדר א מקדש (שמות כ"ה—ל"א; ויקרא א—ט); די סאניטערע דינים פון כשר און טרפה, פון טומאה און טהרה; איינארדנונגען איבר פאמיליען־לעבן (ויקרא יח), און פיעלע אנדערע.

(פארטזעצונג קומט).

# The Mildmay Mission to the Jews

זאאל „ב י ת - א ל" (מיעטשאנסקי 26) (str. Wl. Herţ 10)

יעדען דיענסטאג 8 אוהר אבענדס, אויך שבת 4 אוהר נאך מיטטאג — און 6 אוהר אבענדס.

ווערן אפגעהאלטן דרשות און ערקלערונגען אויך געזאנג מיט אקקאמפאנימענט פיססגארמאניום וועגען דער ליעבע גאטטעס.

## דער איינגאנג פריי פאר אללע

אין זאאל „ב י ת - א ל" איז אויך צו בעקומען חמשים תנ"ך און אנדערע רעליגיעזע ביכער אויף זשארגאן, לשון קודש, רוסיש, ראמייניש.

אבאנעמענטען פרייז: — יאהרליך 12 לעי. 6 חדשים 6 לעי.

פיר אנדערע שטייט מיט 1 לעי מעהר.

Adresa: Redacţia „Binevestitorul" Expediţ. N. Tarlev, str. Unirei 26.

Chişinău — Basarabia.

său: D-l Corn H., str. Olteni 55, Bucureşti.

Tip. „Tehnic", Chişinău.

Redacţia şi Administraţia: Mision. Englez. „Mildmay", L. Awerbuch

# די פראגע און ענטפער וועגן פאסטען.

גאט האט געזאגט צו דעם נביא ישעיה (קאפ. 58) וועגן דעם אידישן פאלק (פריי איבער-זעצט): זאלסט ניט אויפערן צו שרייען מיט א אויך קול ווי א שופר און זאג מיין פאלק זייער זינד. זיי זיכן מיך יעדן טאג און ווילן ווים'ן מיינע וועגן, ס'זעהט אוים ווי א פאלק, וואס ס'איז גערעכט און וועלכעס ס'האט ניט פארלאזט זיין גאט. זיי פרייגן מיך וועגן גערעכטיגקייט און גלאך אזוי ווי זיי ווילען זיך דערנעהזינטען צו גאט.

(דאס פאלק פרייגט) .פארוואס פאסטן מיר און דו (גאט) הערסט ניט, מיר פייניקן אונזער נפש און דו ווייסט ניט?"

(גאט'ס ענטפער) .איר פאסט זיך צו קריגן און צו שלאגן, איר פאסט ניט כדי ס'זאל אין הימעל געהערט ווערן אייער קול. איז דאס דער תענית, וואס איך האב אויסגעקליבן, ווען דער מענש דארף זיך בייגן און נידריג מאכן? קענט איר אייער פאסטן אנרופן תענית, וועלכן גאט וויל? דאס הייסט פאסטן וואס איך (גאט) וויל: צישטערט די פעסטע פון שלעכטקייט, די שטריק פון דער יארמא; באפרייעט די, וועלכע איר דריקט און צורייסט די לאסט (יארמא). גיב עסן דעם הונגעריקען און דעם ארימ'ן ברייגג אין דיין שטיב, קלייד אן דעם נאקעטן... דענצמאלט וועל איך (גאט) דיר ענטפערן, ווען דו וועסט מיך רופן, ווען די ווילסט אויף קיינים ניט אויפלעגן שווערינקייטן און רעדן פאלשקייט...'

**ווי אזוי פאסט איר?**

---

# וואס זאגט וועגן פאסטן ישוע המשיח?

אין ווען איהר פאסט, זייט ניט ווי די הייכלער (חנפים) בעטריבט. ווארין זיי מאכן א טרויריג פנים, אז די לייט זאלן זעהן, אז זיי פאסטן. באמת זאג איך אייך זיי האבן זייער שכר אודאי בעקומן. אבר ווען דו פאסט, אזוי זאלב דיין קאפ און וואש דיין פנים: אז דו זאלסט ניט אויסזעהן פאר מענשן אז דו פאסט, נייערט פאר דיין פאטער דער איז אים פערבארגענען; און דיין פאטער דער זעהט אים פערבארגענען וועט דיר עפענטליך גיבען דיין שכר.

(ברית החדשה, מתי, ו').

---

# דאס שכרות, וויין, ביר

נעמט אוועק דעם ניכטערן געדאנק, שאדעט דעם לייב, צושטערט די קראפט, צינדט אינטער דאס בלוט

| | | |
|---|---|---|
| | אינוועינדיגע | |
| ס'איז גורם | אויסוועינדיגע | ווינדען |
| | עביגע | |

# דאס שכרות, וויין, ביר

נארט אפ די געפילן, באגנב'עט די טאשן, פירט צום דלות, צולאסטקייט, פארברעכן. דאס ברייגגט פיל וועטיג דער פרוי און שווער ליידן די קינדער. מ'ווערט נידריגער פון א בהמה און בעזער ווי א חיה, מ'ווערט משוגע.

# זעלבסטמערדער איז דער,

ווער טרינקט צו אנדערע לחיים (צום לעבן) און צושטערט, פארניכטעט, זיין אייגען לעבן

## ישוע המשיח'ס ווערטער:

„יעדער, וועלכער טהוט א זינד איז א קנעכט פון דער זינד... איר וועט דערקענען דעם א מ ת. און דער א מ ת וועט אייך פריי מאכן... א י ך בין דער וועג, דער א מ ת און דאס לעבן"...

(ברית החדשה: יוחנן, קאפ. ח;14).

BCU Cluj / Central University Library Cluj

האלהים הוא האהבה — גאט איז די ליבע

# The Mildmay Mission to the Jews.

## אין זאאל „בית־אל", קישינעוו

מיעסטשאנקאיא 26 — (str. Wl. Herţ 10)

## דרשות און געזאנג וועגן גאט'ס ליבע

יעדן שבת 4 אזייגער און 6 אזייגער אבענד.
יעדן דינסטאג 8 אזייגער אבענד.

די דרשות ווערן אויך אילוסטרירט מיט ליכט־בילדער.

געזאנג מיט אקקאמפאנימענט פיסגארמאניום און אנדערע אינסטרומענטן.

## איינגאנג פריי פאר יעדן.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

DUMNEZEU ESTE IUBIREA

## Sala „BETHEL"

str. Vl. Herţ 10.

**Conferinţele şi predici Biblico-Evanghelice şi cu ilustraţiuni.**

Cântări religioase: solo, duet şi cor cu acompanim. fisgarmoniei şi altor instrumente.

in fiecare Sâmbătă la ora 4 p. m. şi la ora 6 seara.
in fiecare Marţi la ora 8 seară

## Intrarea

**liberă şi gratisă pentru toţi.**

БОГЪ ЕСТЬ ЛЮБОВЬ

## Залъ „Веоилъ"

Мѣщанская 26 (str. Vl. Herţ 10).

**Библейско-Евангельскія проповѣди и лекціи**

также и съ иллюстраціями.

Религіозное пѣніе,

Соло, дуэты и хоръ съ аккомпаним. фисгарм. и др. инструм.

По Субботамъ въ 4 часа дня и въ 6 час. веч;
По Вторникамъ въ 8 ч. веч.

## ВХОД СВОБОДНЫЙ

и безплатный для всѣхъ